

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

במדבר-שבועות
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ב

## פראגע

### וועלכע טאג איז – אין אייער מיינונג – געווען די גרעסטע טאג אין היסטאריע?

**ענטפער:**

**חוץ** פון בריאת העולם, ווען די וועלט איז באשאפן געווארן יש מאין, וואלט איך געזאגט אז די גרעסטע געשעעניש אין היסטאריע איז אן קיין ספק געווען **"מעמד הר סיני"**. וועגן דעם זאגט דער רמב"ם (אגרת תימן) **"גדלהו על כל גדולה"** – מאכט גרעסער דעם געשעעניש מער פון אלע גרויסע זאכן. הייבט אויף מתן תורה העכער ווי יעדע אנדערע זאך, ווייל דאס איז געווען די גרויסארטיגסטן מאמענט אין היסטאריע!

די תורה הק' זאגט (דברים, ד, ט): **"השמר לך"** – היט אייך אפ, **"ושמור נפשך מאוד"** – און גיבט זייער אכטונג. וואס דארף מען אזוי שטארק אפהיטן? **"פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך"** – אז ענק זאלן נישט פארגעסן די זאכן וואס אייערע אויגן האבן געזען, **"יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב"** – דער טאג ווען איר זענט געשטאנען פאר'ן באשעפער ענקער ג-ט ביים בארג סיני.

עס איז א מצוה נישט צו פארגעסן פון מעמד הר סיני. במשך די גאנצע היסטאריע איז עס נאר געשען איינמאל! כאטש צוויי מיליאן מענטשן זענען געשטאנען פארנט פונעם הר סיני און זיי האבן געהערט דעם קול פונעם אויבערשטן.

**"נפשי יצאה בדברו"** (שיר השירים ה, ו) – מיין נשמה איז ארויסגעגאנגען ווען ער האט גערעדט. זיי האבן גע'חלש'ט פאר פרייד. זיי זענען געווארן שיכור פון שמחה און זענען געפאלן צו דער ערד. מען האט זיי געדארפט צוריק אויפלעבן.

האט איר שוין אמאל געטראכט דערוועגן? אפשר שבועות. אפשר. שבועות איז טאקע א ספעציעלע טאג עס צו געדענקען, אבער עס איז אמת יעדן טאג. הערט נישט אויף רעדן דערפון, זאגט דער רמב"ם. "גדלהו על כל גדולה!"; רעדט דערפון מער ווי יעדע אנדערע זאך אין דער וועלט. מען דארף רעדן כסדר וועגן מעמד הר סיני און עס מאכן זייער גרויס.

מיר דארפן רעדן וועגן דעם צו אונזערע קינדער און אייניקלעך. **"והודעתם לבניך ולבני בניך"** (שם), זאגט די תורה, דו זאלסט עס מודיע זיין פאר דיינע קינדער און קינד'ס קינדער, און זיי אלעמאל דערמאנען וועגן דעם מעמד הר סיני.

איר זיידעס, צי רעדט איר וועגן דעם צו אייערע אייניקלעך? טראכט וועגן דעם ווען איר ווערט זיידעס. אויב איר זוכט א נושא פון וואס צו רעדן צו די אייניקלעך, ברענגט אויף מתן תורה. "אבער מיר ווייסן שוין אלעס וועגן דעם" זאגן זיי. מאכט נישט אויס! זאג עס נאכאמאל. איר זאלט כסדר רעדן וועגן מתן תורה אלע טעג פון ענקער לעבן, ווייל עס איז די סאמע וויכטיגסטע טאג אין היסטאריע וואס מיר דארפן געדענקען. (#613)

## פראגע

### וואס מיינט "חנוך לנער על פי דרכו" אז מען דארף מחנך זיין אויף זיין וועג, אז "גם כי יזקין לא יסור ממנה", ווען ער ווערט אלט זאל ער זיך נישט אפקערן דערפון?!

**ענטפער:**

**חנוך** מיינט – **טרעניר**; מען דארף טרענירן די קינדער. פארשטייט זיך מיט געדולד, אבער מיט א פעסטקייט.

טרעניר א קינד אוועקצולייגן זיינע זאכן בעפאר ער גייט שלאפן; טרעניר א קינד ארויסצוהעלפן אינדערהיים. יעדע מאמע זאל **טרענירן** אירע קליינע מיידלעך צו **באדינען** די מאמע. די מאמע זאל זיצן ביים טיש. מאך נישט חרוב דיין קינד איר צו מאכן טראכטן אז די מאמע איז איר דינסט. אפילו די קליינע מיידל קען אפשר צעברעכן א טעלער, עס איז ווערד! **טרעניר דיין קינד** צו שיילן קארטאפל, אדער צו טון שטוב-ארבעט אינדערהיים. טרעניר **קליינע יונגלעך** ארויסצוטראגן די מיסט.

בחורים זאלן אויך נישט ווערן געצערטלט. די מאמע זאגט "ניין, ער איז סתם א לערנער, ער איז נאר פאר תורה, לאז די מיידלעך טון די ארבעט..." ניין! געב אים א געהעריגע ארבעט,

מאך אים דער **מענעדזשער** אויף די מיסט-קאסטן! ער דארף עס ארויסטראגן יעדן אינדערפרי. טרעניר די בחורים צו טון ארבעט אינדערהיים.

מען דארף טרענירן קינדער צו דאווענען, מען דארף זיי טרענירן צו מאכן ברכות, מען דארף זיי טרענירן נישט צו רעדן לשון הרע; ערלויבט נישט די קינדער צו מאכן ליצנות. מען קען נישט זיצן ביים טיש און מאכן א מושב לצים. אסאך חרד'ישע הייזער זענען ליידער א מושב לצים. ניין, קינדער קענען נישט סתם ארומלאכן און מאכן נארישע וויצן. קינדער דארפן טרענירט ווערן צו זיצן גראד; צו זיצן אין שול נעבן זייערע עלטערן, נישט ארומצולויפן אינדרויסן אויפ'ן גאס אדער אין הויף. עלטערן מוזן טרענירן זייערע קינדער זיך אויפצופירן שיין. דאס אלעס פארלאנגט **טרענירונג**.

און וועגן דעם וואקסן היינט קינדער אויף ווילד, אפילו ארטאדאקסישע קינדער, ווייל די גאנצע פרינציפ פון טרענירונג איז פארגעסן געווארן.

יעצט וועל איך אייך זאגן וואס **רבי שמחה זיסל** האט געזאגט אויף דעם פסוק: **"חנוך לנער על פי דרכו"** – טרעניר דעם קינד אויף זיין וועג. ער זאגט אז עס איז אן אנווייזונג אויף **פאר'ן קינד אליינס**. דו ביזט יונג, דו ביזט א בחור פון דרייצן, טרעניר דיך אליינס. ווארט נישט אז דיין טאטע און מאמע זאלן דיר זאגן. נעם דיך אליינס אונטער א סיסטעם, הייב אן זיך צו טרענירן אויפצוואקסן גוט.

אפילו דו ביזט א "נער" פון 35 יאר. טרעניר דיך אליינס אינגערמאן. דו ביזט א יונגערמאן פון 75 יאר, דו האסט נאך אויף צייט...

## פראגע

## וויאזוי קען איך אויפווייזן פאר א קליינע גלוביגער אז די תורה קומט פונעם אויבערשטן?

**ענטפער:**

**אמאל** איז א ראש ישיבה געזעסן אין זיין הויז אין אמעריקע – די מעשה איז געווען בערך פופציג יאר צוריק. ער איז געווען אן אייראפעאישער ראש ישיבה און ער האט געוויילט אין אמעריקע אויף הענרי סטריט. זיצנדיג אין זיין צימער איז אריינגעקומען א מענטש מיט זיין זון. דער טאטע האט געפרעגט דעם ראש ישיבה, "וויאזוי ווייס איך אז די תורה איז געגעבן געווארן ביים בארג סיני?"

האט דער ראש ישיבה געזאגט, "דו גלייבסט אז עס איז געווען א נאפאליאן?"

"אודאי!" האט דער מענטש געענטפערט.

האט דער ראש ישיבה ווייטער געפרעגט, "האסטו געזען נאפאליאן?"

"ניין. איך האב אים נישט געזען."

"האסטו געזען איינעם וואס האט געזען נאפאליאן?"

"ניין."

"איז וויאזוי ווייסטו אז עס איז טאקע געווען א נאפאליאן?"

"ווייל יעדער זאגט אזוי!"

האט דער ראש ישיבה געזאגט, "דו ווייסט. עס זענען דא זייער אסאך מענטשן אויף דער וועלט וואס האבן קיינמאל נישט געהערט וועגן נאפאליאן. מיליאנען אין אינדיע האבן קיינמאל נישט געהערט פון אים. מיליאנען!"

עס זענען דא מער מענטשן וואס האבן געהערט וועגן מתן תורה אויפ'ן בארג סיני, ווי מענטשן וואס האבן געהערט פון נאפאליאן. אויב דו גלייבסט וואס יעדער זאגט אז ס'איז געווען א נאפאליאן, מיינט עס אז דו נעמסט אן וואס א גרויסע ציפער פון עדים זאגן, פון מענטשן וואס געבן איבער א טראדיציע.

און מתן תורה זאגן נאך מער מענטשן. ווייל אלע מוסולמענער זאגן אז דער באשעפער האט געגעבן די תורה צו די אידן אויפ'ן בארג סיני; עס זענען דא הונדערטער מיליאנען מוסולמענער. אלע קריסטן זאגן אז דער באשעפער האט געגעבן די תורה פאר די אידן ביים בארג סיני, און להבדיל די אידן זאגן עס זיכער. במילא האסטו אזוי סך עדים.

איז דערפאר, חוץ אויב דו הערסט אויף גלייבן אין נאפאליאן, און אין דזשארדזש וואשינגטאן, דארפסטו גלייבן אין די תורה.

קיינער וואס לעבט היינט האט נישט געזען דזשארדזש וואשינגטאן. קיינער האט נישט געזען קיינעם וואס האט געזען דזשארדזש וואשינגטאן, און דאך ווען עס קומט וואשינגטאנ'ס געבורטסטאג רעדט יעדער איינער פון דזשארדזש וואשינגטאן. זיי זענען אלע איבערצייגט אז ער האט אמאל געלעבט.

אה, וועסטו זאגן, עס זענען דא ביכער וואס באשרייבן דזשארדזש וואשינגטאן.

עס זענען דא אסאך ביכער וועגן משה רבינו. אודאי. עס איז דא די גאנצע תורה וואס רעדט וועגן משה רבינו. שמות און ויקרא און במדבר און דברים, ספר יהושע, ספר שופטים, אלעס רעדט פון משה רבינו כסדר. שמואל א' און שמואל ב', איבעראל שטייט "איר זאלט גיין אין די וועגן פון תורת משה", און מלכים א' און מלכים ב', און דערנאך קומט ישעיה און ירמיה, אסאך ספרים רעדן וועגן אים.

במילא האבן מיר ספרים אויף ספרים, חוץ די ביכער פון גוי'אישע שרייבער. דערפאר, וויאזוי קענסטו אויפווייזן פאר א נישט-גלוביגער אז עס איז געווען א נאפאליאן? אויב דו קענסט אים איבערצייגן אז ס'איז געווען א נאפאליאן, על אחת כמה וכמה קענסטו אים זאגן אז ער קען רואיגערהייט גלייבן אז עס איז געווען א משה רבינו און א מתן תורה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י **מערכת להתענג** וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב